ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תת"צ
פרשת בהעלתך
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תעג) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' זכרי' ברוינער ע"ה**

## הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע

איך בין אויפגעוואקסן אין ראצפערט, בצילו הק' פון **הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט זי"ע.**

במשך די וואך האט רבי שלום אליעזר'ל געדאווענט אין די שטאטישע שוהל, שב"ק האט ער געדאווענט מיט זיין אייגענעם עולם אין זיין בית המדרש. עס איז געווען ארום 80-90 מתפללים אין זיין ביהמ"ד.

כ'האב זוכה געווען צו זיין יעדע וואך ביי זיין הייליגן טיש ליל שב"ק, געווענליך פלעגט ער נישט זאגן תורה ביים טיש.

איינמאל געדענק איך ווען ער האט געזאגט תורה פרייטאג צונאכטס. דאס איז געווען שבת זכור, יענעם שבת זענען געווען חשוב'ע געסט אויף שב"ק, צווישן זיי זיין אייניקל **הגה"צ רבי זלמן לייב ז"ל הי"ד אב"ד סיגעט,** און דער **מונקאטשער רב הרה"צ רבי ברוכ'ל זלה"ה,** וואס זענען געווען יענעם ז' אדר ביי די יארצייט אין קאלוב וואס איז אויסגעפאלן ערב שב"ק, און זיי געקומען אויף שבת קיין ראצפערט, וואס איז נישט ווייט פון קאלוב.

ב. מיין פאטער הרה"ח ר' וואלף פריעדמאן ז"ל (דער נאמען 'ברוינער' איז פון מיין מאמעס זייט) איז אמאל געקומען צו לויפן ליל בדיקת חמץ מזכיר זיין מיין ברודער ר' ישראל שלום ע"ה וואס איז פלוצלונג צוזאמען געפאלן און זיין מצב איז געווען מסוכן. און די מאמע איז געלאפן מיטן קינד צום דאקטער, **רבי שלום אליעזר'ל** איז פונקט ארויס פון שטוב צו די סוכה בודק חמץ זיין.

ווען דער רבי האט אים געזעהן זאגט ער "נו...", האט דער זיידע דערציילט דעם אומגליק אז דאס קינד איז צוזאמען געפאלן, ער האט נישט קיין סימני חיות ל"ע, און דער דאקטער פרעגט אים 'פארוואס ברענגסטו מיר א טויט קינד'?!...

האט דער רבי געזאגט "אין זכות פון הייליגן טאטן, גיי צו ר' שמואל שרייבער, נעם ביי אים האניג, און לייג אריין אין מויל פון דעם קינד, און ער וועט האבן א רפואה שלימה".

מיין טאטע האט געזאגט אז דאס מויל פון קינד איז זייער פארשטייפט, עס איז שווער צו קענען אריינלייגן סיי וואס. האט דער רבי געהייסן נעמען א מעסער און עפענען דאס מויל מיט געוואלד און אריינגעבן די האניג. וכך הוה, דאס קינד האט זיך באלעקט מיט די האניג.

לפלא, אויפמארגן, פסח ביינאכט ביים סדר איז דאס קינד שוין געזעהן ביים סדר כאחד האדם.

ג. עס איז ידוע די אויסערגעווענליכע באהאלטענע פשטות'דיגע הנהגה פון דעם צדיק, דאס פשטות איז געווען אומבאשרייבליך.

בדידי הוי עובדא, איך האב זוכה געווען צו מאלן די 'שמורה מעהל' פארן צדיק, און עס איז געווען אפגעשמועסט וויפיל ווייץ מ'וועט מאלן, און באצאלן א פענגא פאר א קילא. ווען עס איז געקומען צו באצאלן האט רבי שלום אליעזר געזאגט "כ'וועל באצאלן פאר דיין טאטן".

ילדות היתה בי, און כ'האב געזאגט פארן רבי'ן "ביז יעצט האט דער רבי גערעדט נאר מיט מיר, זאל דער רבי אויך באצאלן פאר מיר". האט ער קודם אנגעהויבן צו האנדלען אויפן פרייז, און איך האב זיך נישט געלאזט... האט מיר דער רבי געגעבן א קלאפ אויף די פלייצע זאגנדיג "ביסט א שקאפ"... (ווי מ'זאגט היינט "ביזט יענער סוחר"...) און ער האט באצאלט דעם גאנצן סכום. (לע"נ מרן הרה"ק רבי שלום אליעזר ב"ר חיים זלה"ה, היארצייט ט"ז סיון)

ז' תעד) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

**הרה"ג ר' אורי שווארץ ז"ל** מנהל מוסדות קרית יואל, מח"ס אורי וישעי

## אהר"ן אוהב שלום, ומקרבן לתורה

מיין עלטער זיידע **הרה"ח רבי אהרן זאב גלויבער ז"ל בעמח"ס עץ ארז,** האט געוואוינט אין די שטאט זענטא. ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד און ער איז אלעמאל געשטאנען אויף די וואך, קעגן סיי וועלכע פירצה אז עס זאל זיך נישט אריינכאפן בכרם ה' צבקות.

איינמא ל איז צוגעקומען צו אים הרה"ח ר' **אהרן פאללאק** ז"ל און האט אים דערציילט אז בשכינות פון זיין הויז וואוינט א פרייער איד וואס האט אנגעהויבן צו לאזן אפן זיין געשעפט אין שב"ק ר"ל.

האט אים דער זיידע געזאגט אז אזוי ווי ער ווייסט אז דער מענטש וועט אים נישט אויסהערן ווען ער וועט אים מוסר זאגן, איז דא א כלל 'כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע', אבער אזוי ווי ער וויל נישט מוזן זעהן מיט די אויגן חילול שבת, האט ער אראפגעצויגן די לאדנס פון פארנט פון זיין הויז, אז ער זאל נישט קענען זעהן וואס טוט זיך אויף די גאס, און ער איז געגאנגען אין ביהמ"ד דורך א אונטערשטע טירל ארויס צום חצר אונטערן הויז.

עס איז געווען איינמאל שבת אינדערפרי ווען ער איז יא ארויס פון די פאדערשטע טיר, און פונקט איז יענער איד געשטאנען ביי זיין געשעפט, האט ער געטראכט אז עס איז אזוי צוגעפירט געווארן בהשגחה פרטית, איז ער צוגעגאנגען צו יענעם איד און ער האט אים געזאגט "ווען דו וואלסט געוואוסט ווי שטארק דו ביזט מיך מצער, און ווי ווייט דו טוסט וויי דיין טאטן אין גן עדן מיט דיינע מעשים וואלסטו דאס ווען נישט געטון".

דער מענטש איז געווארן זייער איבערגענומען פון די ווערטער, און ער האט באלד פארמאכט דאס געשעפט.

א וואך דערויף האט יענער געכאפט א הארץ אטאקע ל"ע, און ער איז אוועק פון די וועלט.

האט דער זיידע געבעטן פון הרה"ח ר' **אהרן פאללאק ע"ה** אז ער זאל גיין מנחם אבל זיין די משפחה, און דארט הערן צי די קינדער האלטן אז ער האט עפעס א שייכות מיט זיין פלוצים'דיגע פטירה, ווייל ער איז דאך געווען דער וואס האט אים באווירקט צו פארמאכן דאס געשעפט אום שבת.

ווען ר' אהרן האט געמאכט א שמועס מיט די אבלים איבער דעם האבן זיי געזאגט "אדרבה, מיר זענען זייער מכיר טובה פאר רבי אהרן זאב, ווייל א דאנק אים איז דער טאטע כאטש געשטארבן אלס בעל תשובה'.

ווען דער זיידע האט דאס געהערט איז ער אריבערגעגאנגען מנחם אבל זיין די משפחה, און ער האט מיט זיי פארברענגט מיט גרויס ידידות, ביז ווען ער האט ביי זיי גע'פועל'ט אז זיי זאלן אלע תשובה טון און זיך צוריק קערן צום דרך התורה והמצוות.

ז' תעה) מ'דערציילט איבער אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלמה בראך ע"ה**

## זהירות בממון חבירו

עס דערציילט הרב החסיד הישיש בנש"ק רבי **ירמי' טייטלבוים** שליט"א: בימים ההם אין די בראשית יארן האט ר' שלמה געהייסן א שיינער בעל הבית, ער האט געהאט א פוירניטשער סטאר אין די איסט סייד. איינמאל האט זיך מיין טאטע הרב החסיד בנש"ק רבי אהרן ז"ל געזעגנט ביים רבי'ן ז"ל.  ער האט געוואוינט אויף די איסט 4'טע סטריט. דאס איז געווען היבש ווייט פון די וויליאמסבורג בריק. פון וואו די באס איז געפארן, און ר' שלמה האט געהאט א קאר, ער האט געוואוינט אויף די זיבעטע סטריט.

ער איז געווען זייער היימיש מיט מיין טאטן - ער איז אויך אן אוהעלער געווען. נאכדעם וואס מיין טאטע האט זיך געזעגנט, זאגט ר' שלמה פאר מיין טאטן "איך גיי מיך יעצט געזעגענען ביים רבי'ן, אז דו ווילסט קענסטו מיט מיר אהיים קומען".

'נו גוט', ער גייט אריין צום רבי'ן, דעמאלטס האט דאך נישט לאנג געדויערט, און ער קומט ארויס. ווען ער איז שוין געווען אונטן, קומט דער הויז בחור ארויס אז דער רבי רופט צוריק ר' שלמה.

זאגט ר' שלמה פאר מיין טאטן "דער רבי רופט מיך, איך ווייס נישט ווי לאנג ס'וועט געדויערן, ווילסטוווארטן איז גוט, און אז נישט קענסטו נעמען דעם באס". זאגט מיין טאטע "כ'וועל ווארטן און אז ס'וועט צו לאנג דויערן וועל איך נעמען דעם באס".

ס'נעמט נישט מער ווי ממש גאר א קורצע צייט, קומט ר' שלמה צוריק, זאגט ער פאר מיין

נתנדב ע"י הרבני הנגיד בנש"ק ר' **יודא ווייס** הי"ו • לע"נ זקינו מרן הרה"ק **רבי שלום אליעזר** בן מרן **רבינו חיים** זי"ע מראצפערט • ט"ז סיון תש"ד

טאטן "ווייסטו פארוואס דער רב האט מיך גערופן?" זאגט מיין טאטע "ניין, פון וואו זאל איך וויסן".

זאגט ער "כ'האב געגעבן הונדערט דאלער א פדיון, האט מיך דער רבי געלאזט צוריק רופן צי כ'האב נישט געמאכט קיין טעות... הונדערט דאלער בימים ההם איז געווען א גרויסער סכום. האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן "ניין, כ'האב נישט געמאכט קיין טעות, האט מיך דער רבי געפרעגט פאר וועמען ווילסטו דאס געבן? האב איך געזאגט "פאר וועמען דער רבי וויל דאס געבן".

די מעשה רעדט פאר זיך איבערן רבי'נס זהירות אין יענעמס פרוטה, און ווען ער האט נאר חושד געווען אז יענער האט נישט אינזינען געהאט צו געבן דאס געלט, האט ער צוריק גערופן דאס מברר זיין.

ז' תעו) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יצחק שלמה האפפמאן ע"ה**

## מצות כיבוד אב ואם

זיין מאמע'ס זיידע **הרה"ח ר' שמואל אפרים זלמן בערגער ע"ה** איז געווען א גרויסער עושר און א תלמיד פונעם **כתב סופר זי"ע**.

עס איז געווען אין א מארק טאג, ווען עס איז געווען אן אסיפה וועגן דעם 'טיילונג אין אונגארן' און עס זענען געקומען צו פארן גדולי ישראל פון איבער גאנץ אונגארן. דער זיידע איז דארט געווען צוליב זיינע געשעפטן, און ער האט געהאט מיט זיך א ריזיגע סומע געלט.

ווען ער איז ארויפגעגאנגען צו די אסיפה האט ער געזען ווי זיין רבי דער כתב סופר ז"ל פירט אן מיט די אסיפה, און ער זאגט אז מ'דארף האבן גרויס געלט, האט ער זיך אנגערופן אז ער איז גרייט צו געבן געלט, פרעגט אים דער רבי "וויפיל ווילסטו געבן?" זאגט ער, אז ער איז גרייט צו געבן וויפיל דער רבי וועט בעטן.

דער **כתב סופר** האט אים דריי מאל איבערגעפרעגט, צי ער האלט ערנסט ביי וואס ער זאגט, און ער האט באשטעטיגט אז יא. זאגט אים דער **כתב סופר** "גיב אהער דעם בערזל דיינעם, און זאג מיר וויפיל עס קאסט דיר די שפעזן אהיימצופארן". דער כתב סופר האט ארויסגענומען פונעם בערזל די הוצאות אויף די שפעזן אז ער זאל האבן אויף אהיימצופארן און דאס איבריגע געלט האט ער גענומען.

אלע רבנים וגדולי ישראל האבן אים דאן געבענטשט און געוואונטשן אלע ברכות שבתורה, אריכות ימים, עשירות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ערליכע דורות ביז משיח'ס טאג.

ווען ער איז אלט געווארן 105 יאר האט ער צוזאמגערופן די משפחה און זיי געבענטשט. ער האט געזאגט אז שפירט אז היינט איז אנגעקומען זיין צייט צו גיין פון די וועלט ווייל ער שפירט יסורים, צוגעבנדיג"ביז'ן היינטיגן טאג האב איך קיינמאל נישט געהאט קיין שום יסורים, נאר איינמאל איז די קליינע פינגער פארפרוירן געווארן און היינט שפיר איך יסורים". ער האט זיך געזעגנט פון יעדן, און ער איז טאקע אין יענעם טאג נפטר געווארן.

ז' תעז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

## באגערן צו לערנען תורה

איך האב געהערט פון אן עלטערן איד א ת"ח הרה"ח ר' **זושא רייז** ע"ה פון די וועסט-סייד, וואס האט נאך זוכה געווען צו זעהן אלס קינד הרב הקדוש **רבי משה ראזוואדאווער** זלה"ה, אן איידעם ביים הייליגן ייטב לב.

האט ער דערציילט אז ווען דער ראזוואדאווער רב פלעגט בענטשן קינדער, פלעגט זיין זיין ברכה, "דער אייבערשטער זאל העלפן, זאלסט באגערן צו לערנען תורה".

ז' תעה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** מטב"ק

## בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (ו')

(המשך ענינים וואס איך האב געפרעגט פון כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה אויף א פריוואטן אופן).

**ענין ה'**: עס זענען דא יונגעלייט וועלכע הייבן אן צו לייגן תפילין דר"ת גלייך נאך די חתונה, און אנדערע הייבן אן צו לייגן שפעטער, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן ווי אזוי צו טוהן?

האט דער רבי געענטפערט אז מ'זאל אנהייבן לייגן תפילין דרבינו תם גלייך נאכן חתונה.

וויבאלד כ'האב געוואוסט א דער רבי האט באקומען זיינע רבינו תם'ס תפילין ירושה פון זיין הייליגן טאטן בעל **קדושת יו"ט**, וועלכער האט נאך געלעבט ביי די חתונה פון רבי'ן, האב איך זיך געטרויעט צו פרעגן וואס דער רבי אליינס האט געטוהן.

האט מיר דער רבי געענטפערט: "איך האב באקומען די תפילין דרבינו תם גלייך ביי די חתונה".



ש״ך

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את מע"כ לבוא
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתויש
כמר **משה** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת **שיינדל חי'** תחי'

שתתקיים איה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר ואעשך לגוי גדול (שלח)
כ' לחודש סיון שנת תשפה לפק הבעלט
(ולמספרם JUNE 16)

קבלת פנים בשעה 7:00 החופה בשעה 8:00

באולם כינור דוד
18 GETZIL BERGER BLVD. MONROE, NEW YORK

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יעקב שווארץ וב"ב
ברוקלין יצ"ו

הורי הכלה
שמואל שלמה טעללער וב"ב
קרית יואל יצ"ו

• • •

עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם

גם אנו מצטרפים להזמין את כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת נכדינו היקרים שיחיו

שרה שווארץ
אשת הרה"ח ר' אירי ז"ל

מנחם צבי טעללער וב"ב
חתן הרה"ח ר' יוסף מאיר נויאוויטש ז"ל

שמואל ארי' בראך וב"ב
חתן הרה"ח ר' יעקב הכהן רובין ז"ל

טילא גוטמאן
אשת הרה"ח ר' פינחס ז"ל

דערנאך האב איך געפרעגט: אויב איינער האט פארגעסן און ארויסגענומען צום ערשט די רבינו תם'ס תפילין און געמאכט דערויף א ברכה, ערשט דערנאך באמערקט ער זיין טעות, צי ער דארף איבער מאכן די ברכות ווען ער טוט נאכדעם אן די רש"י תפילין.

האט דער רבי געזאגט: 'ניין', ווייל א יעדן טאג ביים זאגן די ברכה אויף רש"י האט ער דאך אינזיןביידע תפילין'ס, ממילא האט ער היינט צופרי ביים זאגן די ברכה אויף ר"ת אויך אינזין געהאט ביידע, קען ער שוין נישט זאגן נאכאמאל די ברכות. (עי' בשו"ת דברי חיים יו"ד ב' סימן פ"ב בשם הרבי מלובלין זי"ע).

**ענין ו'**: ס'מאכט זיך ביי חתנים ביי שבעת ימי המשתה, אז דער חתן ווארט אינדערהיים אויף א באגלייטער, און עס ווערט שפעט עס גייט דורך זמן תפלה (ס'איז נאכנישט געווען קיין סעלפאון, קוים א געהעריגע טעלפאן, און מ'האט נישט אזוי שנעל געקענט טרעפן א מענטש). איז די שאלה וואס דער חתן זאל טוהן, צי ער מעג גיין אין בית המדרש אן א באגלייטער.

האט מיר דער רבי צוריק געפרעגט: "וואס טוט זיך מיט די כלה? זי האט יא מיט וועם צו בלייבן אינדערהיים? אין דעם ווענדט זיך עס".

און דער רבי האט מסביר געווען, עס איז דא צוויי זאכן, איינס ווייל א חתן איז 'דומה למלך' און א מלך גייט נישט אליינס אויפן גאס, אבער דאס איז נאר אן ענין פון כבוד, דאס צווייטע איז שוין צ וליב שמירה, ווי די גמרא זאגט (ברכות נד:) שלשה צריכין שמירה [שלשה צריכין שימור ואלו הן חולה, חיה, חתן וכלה, ופירש"י, שימור מן המזיקין, חולה משום שהורע מזלו, וחתן כלה שמקנאתו מתגרה בהם], אבער אויב די כלה בלייבט אליינס אין שטוב פעהלט דאך שמירה, דאס איז שוין א הארבע זאך, ממילא אויב די כלה האט ווער ס'זאל מיט איר בלייבן אין שטוב, קען ער גיין אין בית המדרש, און אויף זיין שמירה קען ער זיך סומך זיין אז ער איז נישט אליינס, ווייל אויף די גאס איז אייביג דא מענטשן, אבער אויב זי האט נישט ווער ס'זאל בלייבן מיט איר אין שטוב, דאן זאל ער נישט גיין.

**ענין ז'**: ס'איז דא פארשידענע מנהגים ביי א חתונה צי דער חתן גייט מיט צום באדעקן אדער נאר די מחותנים, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן ווי אזוי זיך נוהג צו זיין אין דעם ענין.

האט מיר דער רבי געהייסן פרעגן מיין טאטן ווי אזוי מ'האט זיך געפירט ביי אים אין די משפחה.

מיין טאטע האט מיר אבער געזאגט אז ער איז געווען א קינד ווען ער איז אוועק פון זיין טאטנס שטוב, און ס'איז אים קיינמאל נישט אויסגעקומען צו זיין ביי א חופה אין די משפחה.

האט דער רבי געענטפערט: "אויב איז נישטא קיין מנהג, זאל דער חתן יא מיטגיין, וויבאלד ס'איז דא שיטות אז דאס באדעקן איז איינס פון די קניני החופה, ממילא זאל ער יוצא זיין די שיטה אויך". (המשך יבא בעז"ה)

נתנדב לכבודם של **אלפי מתחילי הש"ס** במסגרת **"תורתך שעשועי"** • ביום ב' שלח כ' סיון תשפ"ה לפ"ק •